# סצענע 4 ב'
# Escena 4 B

## פֿאַר וואָס איז עסן אַזוי וויכטיק ?
## ¿Por qué es tan importante la comida?

גיסע-ביילע - איצט רייזעלע, לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. וואָס דאַרף מען קאָכן פֿאַר אַ מאַן ?

רייזל - אָבער זאָג מיר, באָבע...פֿאַרוואָס איז עסן אַזוי וויכטיק?

גיסע- ביילע - פֿאַרוואָס איז עסן אַזוי וויכטיק?!? רייזעלע... עסן איז נישט נאָר עסן...

רייזל - עסן איז נישט נאָר עסן ???

גיסע- ביילע - ניין, עסן איז ניט נאָר עסן. עסן איז אַ פֿאַרגעניגן.
עס דאַרף זײַן שיין,
עס דאַרף זײַן געשמאַק,
מיט אַ גוטן ריח פֿאַר דער נאָז,
מיט אַ גוטן טעם.
שיין פֿאַר די אויגן,
געשמאַק פֿאַרן מויל.

רייזל - און דאַן, וואָס ?

גיסע- ביילע - און דאַן דערגייט עס צום מאָגן ... און פֿון מאָגן גלײַך צום מאַנס האַרץ...

רייזל - אוי באָבע... איך פֿאַרשטיי שוין פֿאַר וואָס עסן איז אַזוי וויכטיק !!!

גיסע- ביילע - יאָ מײַן קינד. און איך קען זיך שוין פֿאָרשטעלן ווי דײַנע אויערן וועלן הערן די שיינע קאָמפּלימענטן וואָס דײַן מאַן וועט דיר זאָגן.

רייזל - באָבע, באָבע, לאָמיר אָנהייבן קאָכן...

En palabras de Octavio Paz:

> "La comida es la manera más segura de acercarse a un pueblo y a su cultura".